


**פרשת וארא**

**יאר 2, גליון 36**

## עלטסטע קלאס שטעטל – עטי וועבערמאן

די וואך שבת האט מיין קאפ זייער שטארק וויי געטון. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל מער נישט וויי טון, און אויך האב איך געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל נישט זיין די פלא. און שכח אייבערשטער מיין קאפ האט אינגאנצן אויפגעהערט צו וויי טון און איך פיל מיך שוין גוט!



## עלטסטע קלאס וויליאמסבורג- רחי שפילמאן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין אויף א טרעין און שכח אייבערשטער איך האב געקענט גיין אויף א טרעין!



## פיפטע קלאס שטעטל – חי' שרי יאקאבאוויטש

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין אין שטעטל סקול און שכח אייבערשטער איך בין שוין אין שטעטל סקול!

## דריטע קלאס שטעטל- רייזי וועבערמאן



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין פריליך און שכח אייבערשטער איך בין זייער פרייליך!

## צווייטע קלאס וויליאמסבורג - פייגא חנה מזרחי

אפאר טעג צוריק האט מיין קליינע שוועסטער זיך נישט גוט געפילט און זייער שטארק געוויינט, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל אויפהערן צו וויינען און שכח אייבערשטער זי האט זיך בארואיגט!



## ערשטע קלאס וויליאמסבורג - אדי קרויס

איין טאג האב איך געוואלט מאלן א פיש, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען שיין און שכח אייבערשטער ס'איז אויסגעקומען זייער שיין!



## ערשטע קלאס שטעטל – פייגי מענדלאוויטש

איין טאג בין איך אויפגעשטאנען זייער שפעט און ס'איז געווארן נענטער און נענטער צו די צייט ווען די באס קומט און איך בין נאכנישט געווען גרייט, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל מאכן די באס און שכח אייבערשטער איך האב געכאפט די באס!




## פרי 1 עי שטעטל – פראדי טייטלבוים




מיין טייטס האט זיך צוריסן, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל מיך קויפן נייע טייטס און שכח אייבערשטער מיין מאמע האט געקויפט נייע טייטס!

# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

איך האב זייער הנאה אז דו דאווענסט אזוי שיין אפילו עס איז דיר שווער. ספעציעל שמונה עשרה איז דיר שווער מיטצוזאגן שטאט מיט די קלאס און דאך טוסטו עס! האלט ווייטער אן צו זיך פירן ערוואקסן, ווייל דאס וועט דיר מאכן באליבט ביי יעדן. יעדער וויל זיין פרענדס מיט א מיידל וואס זי קוקט ארויף. און וועמען קוקן מיידלעך ארויף? וועמען קוקן די טיטשערס ארויף? א מיידל ווי דיר, וואס פירט זיך ערוואקסן, זי רעדט נישט נאריש, מאכט זיך נישט נאריש... אזא מיידל וואס זוכט נישט צו באקומען אטענטשין פון זאגן פאני זאכן אינמיטן קלאס...

האלט ווייטער אן דיין גוטע אויפפירונג וועסטו האבן א גוטע נאמען אין בית פיגא, און וועסט קענען איין טאג זיין א גוטע טיטשער דא!

איך האב דיך זייער ליב!

מיט ליבשאפט,
שרה לעזער

## נייעס אין בית פיגא

**וויליאמסבורג:** די וואך איז געקומען א נייע מיידל אין נורסערי! אלע מיידלעך אין נורסערי זענען אזוי פרייליך צו באגריסן העני בלום, און זיי זענען אזוי פרייליך אז זי איז שוין געקומען אין סקול.

אלע מיידלעך פון דריטע קלאס זענען אזוי פרייליך אז מרת מייזעלס איז שוין ענדליך צוריקגעקומען מיט איר נייע אינגל בעיבי. די מיידלעך האבן זיך שוין אזוי שטארק געבענקט!

**שטעטל סקול:** די וואך האט זייער אסאך געשנייט אין שטעטל, און די באסעס האבן נישט געקענט פארן. אלע קינדער האבן זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מען זאל קענען קומען אין סקול, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז די שניי האט זיך צולאזט און מען איז געקומען אין סקול צוויי שעה שפעטער.



## מזל טוב!



**גאנץ בית פיגא וואונטשט א הארציגן מזל טוב צו אונזער טייערע מנהלת מרת לעזער צו איר נייע אינגל בעיבי!**

**מזל טוב חי'לע און פערע'לע לעזער צו זייער נייע ברידער!**

# א מעשה פון א צדיק

געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים

**אין קורצן פון פריער:** א איד איז געקומען צו די מעזריטשער מגיד אז ער האט קשיות אויף די אייבערשטער. די רבי האט אים געזאגט אז ער זאל גיין צו א געוויסע פלאץ און זיך צוקוקן א גאנצן טאג וואס וועט געשען. ער האט געזען ווי א רייכע איד איז געקומען, און פארלוירן דארט זיין טאשקע מיט געלט. עס איז אנגעקומען נאך א איד און ער האט עס געטראפן און אוועקגעפארן. צום סוף איז אנגעקומען א ארעמע שלעפער און זיך אראפגעלייגט כאפן א דרימל, און דעמאלטס איז דער רייכער איד איז צוריקגעקומען זוכן זיין טאשקע. דער רייכער איד זעט דעם ארימאן שלאפן, ער וועקט אים אויף מיט געוואלד און בעט צוריק זיין טאשקע. דער ארימאן האט נישט קיין אנונג פון וואס מ'רעדט. זיי קריגן זיך און טענען זיך ווער ס'איז גערעכט. עס ווערט נאכט און דער תלמיד גייט צוריק צום רבי'ן פיל מיט קשיות. דער רבי זאגט אים זיך צו אראפזעצן און נעמט זיך פארציילן א מעשה.
יעצט לייגט ווייטער:

ס'איז אמאל געווען א שטאט ווי עס האבן געוואוינט צוויי אידן, ביי איינעם האט געשיינט דאס מזל, און ביים צווייטן, איז געווען פונקט פארקערט, ער האט האט נישט געהאט אויף צום לעבן. דער ארימער אידל איז אריבערגעגאנגען צום רייכן איד, און אים געבעטן צו רחמנות האבן אויף אים, און ער זאל אים אוועקבארגן א געוויסע סומע געלט, און ווי נאר ער וועט קענען וועט ער עס באצאלן. דער רייכער איד האט אים גערן געטון די טובה.

די רעדל האט זיך געגעבן א דריי, און פאר'ן ארימען אידל האט זיך געטוישט זיין מזל. ער האט מצליח געווען ווי נאר ער האט איינגעשטעקט זיין געלט. האט דער עושר אים געבעטן צו באצאלן זיין חוב. די נייע עושר האט אבער אלעס געלייקנט.

"איך האב פון דיר געבארגט געלט!?" פרעגט ער מיט א געמאכטע פארוואונדערונג.

די נייעס איז ארויס אין גאס. די גאנצע שטאט האט זיך אריינגעמישט אינעם קריגעריי. העפטיגע געפעכטן זענען פארגעקומען אינעם גאנצן שטאט. טייל מענטשן האבן געזאגט אז ער דארף באצאלן, און טייל האבן יידער געגלייבט דעם ליגנט.

ביז עס זיי זענען געגאנגען בית דין.

דער שופט איז נישט געווען אזוי ערליך. ער האט זיך געלאזט אינטערקויפן מיט שוחד פונם ניי-געווארענע עושר. און ער האט גע'פסק'נט אז די נייע עושר איז גערעכט און ער דארף נישט באצאלן. דער שטאט האט גערודערט. אבער וואס קען מען דען טון? גע'פסק'נט איז גע'פסק'נט.

"אזוי איז געווען די מעשה." דערציילט די מעזריטשער מגיד.

"יעצט וועל איך דיר זאגן ווער די מענטשן זענען. דער שופט איז דער נעבעכדיגע ארימאן וואס האט געכאפט די קלעפ. דער איד וואס האט געגעבן שוחד איז דער וואס האט פארלוירן זיין געלט. און דער איד וואס האט געטראפן די טאשקע איז דער איד וואס האט אוועקגעבארגט די געלט.

**זעסטו פון דעם אז אלעס האט א פונקטליכע חשבון. גארנישט געשעט פאר סתם. און אלעס וואס געשעט האט א סיבה. האט דער צדיק אויסגעפירט. "זאלסטו געדענקען דעם לימוד פאר דיין לעבן. און דו זאלסט חס ושלום נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטער, ווייל יעדע זאך איז מיט א פונקטליכע חשבון."**

**טייערע מיידלעך, לאמיר זיך צו הערן צום צדיק'ס ווערטער, און נישט וועלן פארשטיין די אייבערשטער'ס וועגן. אז מיר וועלן האבן אמונה, וועלן מיט זוכה זיין צו די גרעסטע מדריגות.**



# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

... תחי', תלמידה בית פיגא.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן די גוטע גריסן פון אייך, אז איר האט ליב בית פיגא סקול, איר האט ליב אייערע לערערינס. איך פריי זיך צו הערן אז איר זאגט תהלים, איר האט יעצט מסיים געווען די צווייטע מאל תהלים.

זייט קליג, זייט דערוואקסן. האלטס מיט די סדר פון סקול. איך הער פון די טיטשערס אז מיידלעך פון פיפטע קלאס פירן זיך אויף זייער קינדיש, אנשטאט מיטהאלטן וואס די טיטשערס זאגן - זיי זיכן צו טון פארקערט. בעט איך אייך זייער איר זאלט זיין פון די מיידלעך וואס האלטן אלעס מיט.



אין וויליאמסבורג טאנצן די מיידלעך יעדן טאג מיט מוזיק, די מיידלעך האבן דאס זייער ליב, זיי ווארטן צו טאנצן. איך ווייס נישט פארוואס די מיידלעך פון די פיפטע קלאס אין שטעטל ווילן נישט זיין א חלק פון בית פיגא, זיי ווילן נישט טאנצן. זיי טוען א גאנצע טובה און טאנצן מיט, אזוי אויך דאס דאווענען איז א גאנצע טובה צו פאלגן די טיטשער.

איך שרייב אייך צוריק ווייל אייערע טיטשערס זאגן מיך אז איר זענט א דרך ארץ'דיגע מיידל, איר זענט א קלוגע מיידל. איך האף צום אייבערשטן אז אלע מיידלעך וועלן אייך נאכטון.

א פרייליכן שבת.

# מיר לערנען פון עצתו אמונה

## אין די שניי מיטן אייבערשטן







מיר האבן יעצט געליינט אין קלאס א שיינע מעשה פון די הייליגע רבי.

די הייליגע רבי האט חתונה געהאט ביי די 13 יאר. און אזוויי אלע קינדער אין זיין עלטער האט די רבי זייער שטארק ליב געהאט זיך צו גליטשן אויף די שניי. ווען די רבי'ס שווער, רבי אפרים, האט געזען ווי די רבי גליטשט זיך אין די שניי האט ער געמיינט אז די רבי איז נישט קיין צדיק.

ר' אפרים האט אייביג געהאט אסאך געסט. אמאל האט ער געזאגט פאר אן אנדערע צדיק "איך האב געמיינט אז מיין איידעם איז א צדיק אבער איך מיין אז איך האב געמאכט א גרויסע טועס און ער איז נישט א צדיק".

דער צדיק האט פארהערט די רב' און די רבי האט זיך געמאכט ווי ער קען נישט, האט אים די צדיק געגעבן צוויי פעטש!

אויפן וועג אהיים האט די צדיק געהערט א וויינעדיגע קול פון די וואלד, ער האט זיך אפגעשטעלט און געגאנגען קוקן ווער ס'וויינט דארט, צו זיין ערשטוינונג האט ער געזען אז דאס איז די הייליגע רבי!

די צדיק האט שוין פארשטאנען אז די רבי איז באמת א הייליגע צדיק און ער האט זיך געמאכט ווי ער קען נישט לערנען.

**<u>איך לערן מיך פון דעם אז מ'קען רעדן צו די אייבערשטער שטילערהייט ווען קיינער זעט נישט!</u>**

רייזי איידלים - דריטע קלאס

העלף פייגי טרעפן די וועג צו העלפן איר מאמע צאמליינגן די וועש.





**געדענק**
**צו העלפן**
**דיין מאמע**
**מיט א**
**שמייכל!!**

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 5 | 3 | | | 7 | | | | |
| 6 | | | 1 | 9 | 5 | | | |
| | 9 | 8 | | | | | 6 | |
| 8 | | | | 6 | | | | 3 |
| 4 | | | 8 | | 3 | | | 1 |
| 7 | | | | 2 | | | | 6 |
| | 6 | | | | | 2 | 8 | |
| | | | 4 | 1 | 9 | | | 5 |
| | | | | 8 | | | 7 | 9 |

# הלכות שבת ווינקל

אין די עלטסטע קלאס לערנט מען יעצט הלכות בישול, די הלכות פון קאכן און באקן שבת, די הלכות זענען ספעציעל וויכטיגע הלכות פאר א מיידל צו ויסן, ווייל מיר זענען די מערסטע אין קאך אנצוגרייטן די עסן... אויב האסטו שוין געלערנט די הלכות, וועלן די וועכנטליכע שאלות זיין א גוטע חזרה צו זען וויפיל די געדענקסט. און אויב האסטו נאכנישט געלערנט די הלכות, וועסטו זיך אויסלערנען יעדע וואך אפאר נייע הלכות... לאמיר זען וויפיל דו קענסט:



מעג איך ארייננגיסן וואסער פון א percolator אין א נאסע גלאז?



ווי אזוי מעג איך מאכן א קאווע שבת?



ביים סערווירן זופ, דארף מען לייגן ערשט די לאקשן אדער די זופ?



ענטפערס קומענדיגע וואך אי"ה

# RECIPE

## MILCHIG STRAWBERRY DRINK

**Recipe:**

1 lb. frozen strawberries

1/3 cup ginger ale

¼ cup milk

1 tbsp lemon juice

1 tsp vanilla extract

8 oz. sour cream

1/3 cup sugar



**Directions:**

Blend all ingredients.

Refrigerate until serving.

געדענק צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל אויסקומען זייער גוט!